O płata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײנט 24 זײטן

NAJER FOLKSBLAT פרײז 30 גראשן

# נײער פאלקסבלאט

| № 280 | Łódź, Piątek 2 grudnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרײטאג, ג׳ כסלו תרצ״ג | № 280 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


אגודת „לומדי שעורי ערב ובוקר״ פל. וואלנאשטשי 3

נײער קאנצערט-זאל פיראמאוויטשא 3

## תנו כבוד לתורה

זונטאג, פ׳ וישלח 11/12, 8 אווענד קומט פאר אין זאל פיראמאוויטשא 3

א פײערליכער

סיום מסכת בבא בתרא

פערבונדען מיט א

התחלת כתיבת ספר תורה

מיט א ליטערארישן-מוזיקאלישען פראגראם

מיט אנטײל פון אנגעזעהענע פערזענליכקײטען און טאלאנטירטע רעדנער.

א גוט אײנשטודירט כאר און פערגרעסערטער ארקעסטער

אונטער דער לײטונג פון י. טאובע.

5040

## הערן-שנײדער-אטעליר

— פון די —

## געברידער גראנאס

זגערזשער 36, אין הויף, 2-טער אײנגאנג, 2. שטאק

נעהמט אן אלער ארט ארבײט, ווי: אנציגער, פאלטענס, סמאקינגען און פעלצען פון אײגענע און אנפערטרויטע סחורה. די ארבײט ווערט אויסגעפיהרט לויט די נײעסטע פאריזער מאדעלען.

רעעלע בעהאנדלונג! פינקטליכע אויספיהרונג! צוגענגליכע פרייזען!

מיט אכטונג

געברידער גראנאס, זגערזשער 36

Spółdzielczy

## BANK HANDLOWO-PRZEMYSŁOWY

sp. z o. o.

w Łodzi, Nowomiejska 4, tel. 246-95

Załatwia wszelkie czynności bankowe:

INKASO
DYSKONTO
R-KI BIEŻĄCE
WKŁADY OSZCZĘDNOŚCIOWE
KUPNO I SPRZEDAŻ PAPIERÓW PAŃSTWOWYCH

Udziela zaliczek na inkaso.

STAWKI INKASOWE NA WSZYSTKIE MIEJSCOWOŚCI ZOSTAŁY ZNACZNIE ZNIŻONE.

1932 X 1922

איבעראשענדע נײעס! א גרויסע פרעמיע פאר אלע עלעגאנטע הערען!

צוליב׳ן 10-יאריגן יובל פון ערשטקל. הערן-שנײדער-אטעליער פון

## א. ח. קוטשינסקי, לאדז — פאמארסקא 3

האב איך בעשלאסען צו געבען א גרויסע פרעמיע פון זונטאג, דעם 6-טען נאוועמבער ביז׳ן 31-טען דעצעמבער 1932 פאר די יעניגע וואס וועלען זיך ביי מיר בעשטעלען אנ׳אנצוג, א פאלטען, א פעלץ אדער א סמאקינג א.א.וו. מיט

## 25 פראצענט ביליגער

די ארבײט ווערט אויסגעפיהרט לויט די נײעסטע אויסלענדישע מאדעלען. רעעלע בעהאנדלונג. פינקטליכע אויספיהרונג. מיט אכטונג

Mistrz krawiecki A. CH. KUCZYNSKI, Łódź, Pomorska 3.

## אכטונג, מאגאזין-שטעפער!

זונטאג, דעם 4-טען דעצעמבער ד. י. 8.30 אווענד, קומט פאר אין לאקאל פון שטעפער-צעך, פאלודניאווא 4

## א דרינגענדע פערזאמלונג

וועגען וויכטיגע ענינים, אלע מאגאזין-שטעפער ווערען געבעטען צו קומען.

סעקציע מאגאזין-שטעפער.

9809

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער געעהרטען שף ה׳

## אברהם יצחק בלום און פרוי

צו די ת׳אים פון זײער ליבע טאכטער אונזער מיטארבײטערין

### פרל. חוה בלום

### מיט ה׳ מ. טיבערג

זאל זײער לעבענס-וועג מיט רויזען בעצירט זײן.

דאס פערסאנאל פון דער פירמע בלום און זוהן

### דער פאמיליע בלום

צו דער פערלאבונג פון זײער ליבע טאכטער פרל. חוה

מיט ה׳ מ. טיבערג

ווינשט פיל גליק און צופרידענהײט.

עקיבה גאלדבלום און פאמיליע.

## דאנקזאגונג

דערמיט דאנקען מיר דעם בעריהמטען חזן ר׳ הערש הארעוויטש פון נײעם קאנצערט-זאל, וועלכער האט געדאווענט שבת פרשת חי׳ שרה מברכים ראש חודש כסלו אין דער חברה „אהבת רעים״ בזשעזשינער 45 מיט גרויס ערפאלג און האט אונז פערשאפען גרויס פערגעניגען.

מיט אכטונג די גבאים.

4965

2000 מאן זענען אין ווארשע געווען אויף דער דאזיגער פארלעזונג!

## אכטונג, לאדז!!!

דינסטאג, דעם 6 דעצעמבער, 9 אווענד אין זאל פון „פילהארמאניע״

### בלויז אײן-און-אײנציגע פארלעזונג

פון בעריהמטען יודישען געלעהרטען און פסיכאלאג פראפ. ד״ר

## פישל שניאורסאן

א. ד. ט.: „די בעדײטונג פון נאכט-חלומות און זײער ווירקונג אין אונזער לעבען״

טעזען פון רעפעראט:

1) די געהײמע כחות פון שלאף און זײער שײכות צו חלומות. — 2) פונקציאנירט זיך ח׳לומות? — 3) די דרײ-איצטיגע ענטפערס פון דער וויסענשאפט (יודישע און וועלטליכע). — 4) נײער ענטפער פון דער טעגש-וויסענשאפט. — 5) צי דריקען אויס חלומות געפיהלען אדער ווינשען? — 6) וואס איז די בעדײטונג פון אנגסט- און שרעק-חלומות? — 7) דער בעהאלטענער און אפענער אינהאלט פון חלומות. — 8) די ענטפלעקונג פון א׳נטימען לעבען אין חלומות. — 9) צי האבען ח׳לומות — און וועלכע — א נבואה׳ישע קראפט? — 10) די ווירקונג פון חלומות אין אונזער לעבען. — 11) ווי-אזוי דארף יעדער בעהאנדלען זײנע חלומות?

פראפ. שניאורסאן, וועלכער איז בעקאנט אלס אײנער פון די גרעסטע פארשער אויפ׳ן געביט פון פסיכאלאגיע און פסיכיאטריע, וועט בעהאנדלען דאס פראבלעם פון אינטימער, איבערווירקלעכער, מענשליכער פסיכאלאגיע, ער וועט ארײנדרינגען אין די טיפסטע פערבארגענסטע ווינקלען פון דער מענשליכסטער נשמה און אויפקלערען זײער בעדײטונג און ווירקונג אין אונזער לעבען. דאס איז דער לעצטער רעפעראט פון פראפ. שניאורסאן אין פוילען.

בילעטען פון 60 גראשען ביז 1.99 זל. צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע״ פון 11—2 מיטאג און פון 5—7 אווענד.

5967

## צו אלע קירזשנער-מײסטער

### אין לאדז

### און צו דער עפענטליכקײט!!!

אין צוזאמענהאנג מיט די אנאנסען אין „נײעם פאלקסבלאט״ פון 25/XI און פון 1/XII ד. י. שטעלען מיר פעסט פאלגענדעס:

1) נישט אמת איז, אז די לוסטראציע-קאמיסיע פון קירזשנער-פאך האט מיסגעברויכט מיט זײערע לעגיטימאציעס פון די האנדווערקער-קאמער און נישט געהאט קײן רעכט צו לוסטרירען די שנײדער-ווערקשטעלען, וואו עס ווערט געארבײט פוטער.

2) אויך איז נישט אמת, אז די האנדווערקער-קאמער האט נאך פאר׳ן 25/XI ד. י. אפגעשטעלט די ווײטערדיגע לוסטראציעס פון די קירזשנער- און שנײדער-ווערקשטעלען.

דאגעגען איז אמת, אז די לוסטראציע-קאמיסיע פון די קירזשנער-מײסטערס האט בלישט מיסגעברויכט מיט זײערע לעגיטימאציעס און איז געווען בערעכטיגט צו לוסטרירען די ווערקשטעלען פון די שנײדער, וועלכע פיהרען אויס אונלעגאל קירזשנער-ארבײט, און איז אויך אויף ווײטער בערעכטיגט דערצו.

צוליב דעם איבענדערמאנטען, פאדערן מיר אויף דעם שנײדער-צעך אין לאדז, פיעטריקאווער 20 אפצורופען די איבענדערמאנטע אנאנסען, געגענפאלס וועלען מיר ציהען דערפון די געהעריגע קאנסעקווענצען.

די פערוואלטונג פון

פעראײניגטען קירזשנער-צעך

אין לאדז.

5042

## Dr. med. J. SCHORR

פון IWONICZ

ספעציאליסט

פאר הארץ און סקלעראזא-קראנקהײטען

וואוינט יעצט אין לאדז

גדאנסקא 11, טעל. 226-85

נעמט אן טעגליך פון 4—6 נאכמיטאג.

2899

## G. SZCZYBUK

ŁODZ, ul. PIOTRKOWSKA 61
telefon 24-000.

קאמיסיאן-לאגער

פון דער פעלץ-אויסארבײטונגס-פאבריק

„FURS“, Wilno,
(S-ka B-cia Kirzner i D. Mickun)

אויף לאגער: נוטריעטן, פערש. אפאסעטן, שווארצע אמעריקאנער אפאסן, וואלאבי, ברײטשוואנצן, ביבעראלן.

## דעם סוחר איז וואויל!..



ער צאהלט שוין נישט פאדאטעק לאכאלאווי...

## צווישען זשורנאליסטען

### געשפרעך צווישען שול-חברים

— וואס מאכסטו העניעק?

— איך פערנעהם מיך מיט זשורנאליסטיק. שרייב ארטיקלען אין די צייטונגען און בעקום 10 גר. פאר א שורה.

— און איך בין א רעדאקטאר פון א צייטונג. איך שרייב פאליטישע ארטיקלען צו 10 חדשים פאר איין ארטיקעל.

## בעשעהרט א גליק

זאג מיר מענדעל, וואס ביזטו עפעס היינט אזוי פרעהליך, האסט געווינען אויף דער לאטעריע?

— נאך בעסער — מיין ווייב האט זיך געמאכט א געשוויר אויף דער צונג.

## א זיכערע האנד

ווייב (צום מאן): דו האסט רעגענבלאטען געבארגט 100 זל. איז עס באר ביי איהם קורענט?

מאן: אבער נאך א מין זיכער — ער וועט שוין נישט אפגעבען.

## ווייבער וועגען ספארט

איך זאג איהן, אז דער קצב אין מיין הויז, וואלט געקענט זיין א זעלטענער ספארט-אטראקציע.

— ווי אזוי?

— ער וואלט געקענט בעקומען דעם טיטול: „מייסטער פון לייכטער וואג".

## פארלער

### פון משה בארנשטיין (לאדז)

גאט זיצט אויבען און פארט אונטען.
מענשען, חיות, שדים, ווינטען.
יאהר נאך יאהר און דור נאך דור־
טרעפט דעריבער אזא פאר:
ער איז יונג —
זי איז אלט.
ער איז הייס —
זי איז קאלט,
ער איז דיק —
זי איז דאר,
ער איז קלוג —
זי — א נאר.
און פאר וואס? — ווייל:

גאט זיצט אויבען און פארט אונטען.
מענשען, חיות, שדים, ווינטען.
יאהר נאך יאהר און דור נאך דור־
טרעפט דעריבער אזא פאר:
ער רעדט פאר צעהן,
און זי איז שטום.
און ער געהט גלייך,
און זי געהט קרום. —
זי וויל א קוש,
און ער וויל נישט —
ס'איז א פארל
זיס און פריש —
און פאר וואס? — ווייל:
גאט זיצט אויבען און פארט אונטען.
מענשען, חיות, שדים, ווינטען.
יאהר נאך יאהר און דור נאך דור־
טרעפט דעריבער אזא פאר:
ער איז רויט —
זי איז בלייך.
ער איז שטרענג —
זי איז ווייך.
זי וויל א קוש,
און ער א גלעט.
זי וויל א קוש,
און ער א גט.
און פאר וואס? — ווייל:
גאט זיצט אויבען און פארט אונטען.
מענשען, חיות, שדים, ווינטען.
יאהר נאך יאהר און דור נאך דור־
טרעפט דעריבער אזא פאר.

## ווען רוהט א לאדזער סוחר?

### שמועס אויף נאוואמיעסקא

צוויי סוחרים אויף נאוואמיעסקא גאס רעדען וועגען די היינטיגע געשעפטען, וועגען קריזיס א. אז. וו.

— וואס הערט מען ביי זילבערשטיינען? — פרעגט איינער דעם אנדערען.

— זילבערשטיינען? מ'האט איהם אפגעזאגט ס'לעבען, אז ער זאל אוועקלייגען אלע געשעפטען, און זאל זיך אפרוהען כאטש א 10 חדשים.

— ווער האט איהם אנגעזאגט, דער דאקטאר?

— ניין, דער פראקוראר.

## שוין איינמאל אנ'אפעטיט

זא, איהר האט א גאנץ פיינעם אפעטיט.

— דאס איז נאך גארנישט. איהר זאלט זעהן, סארע אפעטיט איך האב, ווען איך בין צו גאסט ביי איינעם.

## געכאפט ביי א ליגען

### צווישען פערהייראטע מענער

אין א היגער צוקערניע געהט צו איינער צום אנדערען און נעהמט איהם זידלען:

— דו פאסקודניאק. אויסוואורף, ווי האסטו געוואגט בעכטען צו געהן מיט מיין פרוי אין „קאסינא" אריין?

— דאס איז א געמיינער, אומפערשעהמטער ליגען!

— איך האב דאך אליין מיט מיינע אויגען געזעהען!

— יא, אבער דאס איז געווען נישט בעכטען, נאר גאר עהערגעכטען.

## די טיר — אנ'איבעריגע זאך

### היינטיגע לאדזער געשעפטען

א מויערער בויט איבער א געשעפט-לאקאל אויף דער פעטריקאווער גאס.

— וואס זאל איך מאכען מיט דער טיר? פרעגט דער מויערער דעם אייגענטימער.

— די טיר קענט איהר איינגאנצען פערמויערן, צו וואס דארף דען היינט א געשעפט האבען א טיר?

## נישט געזעהען

ווען ס'איז געקומען די צייט אז מ'האט שוין געדארפט מיט די יונגלעך אנהויבען לערנען גמרא, האט דער מלמד מיט זיי אנגעהויבען, ווי דער שטייגער איז, פון מסכת ביצה, האט איינער פון די תלמידים בשום אופן נישט געקאנט משיג זיין די מחלוקה פון בית הלל מיט בית שמאי וועגען די ביצה שנולדה ביום טוב, האט איהם דער מלמד אנגעשלאגען און יענער איז אוועק אהיים א פארוויינטע.

— וואס וויינסטו? — האט איהם דער טאטע געפרעגט

— ביים רבין אין שטוב האט א הינדל געלייגט א איי, איך שווער דיר טאטע ביי מיינע ציצית, אז איך האב נישט געזעהן נישט קיין הוהן און נישט קיין איי און דער רבי האט מיר געשלאגען...

## דער מאמעס צער

פרוי (צום מאן): זאג מיר נאר, וואס וועט זיין דער סוף פון אונזער גיטשעלע? אלע איהרע קאלעזשאנקעס האבען זיך שוין געגט מיט די מענער און זי איז נאך אלץ א פארביינקע...

## א גוטער בעל-חוב

דו הערסט, חיים, איך האב בעקומען אין שלעכטען זכרון, אז איך געדענק נישט, וואס איך האב געבעטען געטאן.

— נא, בארג־זשע מיר 10 זל.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 280 — פרייטאג, דעם 2 דעצעמבער 1932

## אי, א ווינטער-סעזאן!...



סוחר (מיט'ן שפאקטיוו): דאכט זיך מיר, אז ס'געהט א קונה...









אינדערזייט רעכטס: אַ בית־עולם, וואָס איז אַלט דריי טויזענד יאָהר און ענטדעקט געוואָרען אין זאַקסען.

---

לינקס: אַ וואונדער פון דער טעכניק. מאַרקאָני האָט ערפונדען אַ ווייט־זעה אַפּאַראַט: אין אויסטראַליען קאָן מען זעהען דורך דעם אַפּאַראַט בילדער וואָס ווערען געשיקט פון לאָנדאָן.

---

אינדערזייט רעכטס: מיט הונדערט יאָהר צוריק איז געבוירען געוואָרען דער גרויסער נאָרוועגישער דיכטער און מלוכה־מאַן ביערנסטיערנאַ ביערנסאָן.

---

אונטען רעכטס: סאָוויעטישער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר געזונדהייטס־ענינים וולאַדימירסקי ( ) אין בערלין. נעבען איהם רעכטס דער סאָוויעטישער געזאַנדטער כינטשוק.









אויבען לינקס: שטרייט צווישען נאָרוועגיען און דענעמאַרק וועגען גרענלאַנד פאַר'ן האַאַגער שידס־טריבונאַל.

---

אויבען אינדערמיט: די טאַנק־שטעלע אין ברעמער האַפען, וואו די ריזיגע שיפען „ברעמען" און „אייראָפּע" ווערען באַזאָרגט מיט פליסיגען ברען־שטאָף.

---

אינדערזייט לינקס: דער אויטאָמאָביל־קעניג הענרי פאָרד שווער קראַנק געוואָרען פאָרד איז אַלט 70 י.

---

רעכטס: פערואַנישער קריגס־טאַנץ אויסגעפיהרט דורך דער טענצערין העלבאַ הואַראַ אין בערלין.

---

אונטען לינקס: אויף דער לאָנדאָנער אויסשטעלונג פאַר פאָלקסגעזונדהייט ווערט געוויזען אַ גאַנצער ברוק, וואָס איז געפלאַסטערט מיט אייזען.








גענעראַל־דירעקטאָר פון דער גרויסער פראַנצויזישער לופט־פליה געזעלש. בואַלאַנזש, איז אַרעסטירט

אונטען רעכטס: דעם דיכטער געהאַרד האויפטמאַן האָט איבערגעגעבען דער גאָלדענער מעדאַל פון דער פרייסישער רעגירונג (צום 70 יעהריגען יובילי).





אויבען רעכטס: דער זוהן פון שוועדישען קרוין־פרינץ וועלכער האט חתונה געהאט מיט דער פרינצעסין פון קאבורג, קומט אן קיין שטאקהאלם נאך דער חתונה.

---

אויבען אינדערמיט: די איינציגע יאפאנישע לופטשיף זאל איצט געשטעלט ווערען אויסער דינסט ווייל איהר אויסהאלטען קאסט צו טייער.

---

אינדערזייט רעכטס: אין האמבורג איז געשטארבען דער בעקאנטער פארשער פון טובערקולאז פראפ. האנס מוך.

---

אונטער רעכטס: א בילד פון פאריז אין טאג פון די קאטערינעטקעס. (25 נאוועמבער, דער טאג פון דער הייליגער קאטערינע, ווערט געפייערט דורך די יונגע ביוראליסטקעס, די מידי נעטקעס).















אויבען לינקס: אין אמעריקע זענען די ארבייטסלאזע אנגעוויזען אויף פילאנטראפיע. קוהלען־פערטיילונג צווישען ארבייטסלאזע אין א קווארטאל פון ניו־יארק

אינדערזייט לינקס: דר. ערנסט פעהר, וויצע־פרעזידענט פון שווייצארישען פארלאמענט האט זיך אפגעזאגט פון פאליטישער טעטיגקייט און איז איינגעטרעטען אין א קלויסטער.

אינדערמיט: די קונסט אין נויט! ווינער קונסטמאלער מאלען פלאקאטען מיט א צוועק צו ראטעווען די קינסטלער.

אונטען אינדערמיט: דער עסטרייכישער קאנצלער דאלפוס רעדט פאר א דעמאנסטראציע פון צוואנציג טויזענד בויערים אין ווין.

אונטען לינקס: די מאנשאפט פון דייטשען קרייצער „קארלסרוהע" אין ניו־יארק (אמעריקע)



